**גוט שבת אלע אידן.** ר' חיים מענדל פויעראייזן (נישט זיין עכטע נאמען) איז א טייערע בעל הבית וואס העלפט ארויס אסאך מוסדות מיט זיין גיין נאך געלט. איין טאג איז ר' חיים מענדל געווען אין וויליאמסבורג ארומגיין צו אידישע געשעפטן בעטן געלט פאר ארימע משפחות. עס איז געווען אינמיטן דעם טאג, און אזא פארנומענער געשעפטסמענטש ווי ר' חיים מענדל וואלט גערדארפט זיין לכאורה ביי זיין אייגענע געשעפט צו פירן דעם ביזנעס. אבער דאך איז ר' חיים מענדל געגאנגען נאך געלט פאר מוסדות אינמיטן דעם טאג. ער איז געווען א בעל בטחון און ער האט געגלייבט אז ער וועט נישט פארלירן דורך העלפן א צווייטן.

יענע טאג איז ער אריינגעגאנגען אין א פאבריק אין וויליאמסבורג כדי צו בעטן געלט פונעם אידישען בעל בית. ר' חיים מענדל האט גלייך געזען אן עלטערער איד וואס איז געזיצן צווישן די ארבעטערס. ר' חיים מענדל האט זיך פארגעשטעלט אז יענער איד איז דער בעל הבית. "וואו איז דער בעל בית דא?" האט ר' חיים מענדל געפרעגט יענעם איד. דער איד, וואס האט געהייסן ר' שמעיה פרידמאן האט געוויזן מיט זיין פינגער אויבן צום הימעל זאגענדיק, "השם איז דער בעל הבית."

"און וואס איז דיין תפקיד דא?" האט אים ר' חיים מענדל געפרעגט. "איך בין נאר א מנהל דא." האט ר' שמעיה געענטפערט מיט א תמימותקייט.

ר' שמעיה איז געווען גאר א וואוילער איד. ער האט געליטן דורך פינף יאר פון שווערע ארבעט אין סיביר, און זיין אמונה האט אים מחזק געווען אין די שווערסטע מצבים. אמאל האט ר' שמעיה אפילו געבארגט זיין ווארעמע מאנטל פאר א צווייטן. גיין אנע מאנטל איז געווען א סכנת נפשות ממש אין דעם קאלטען סיביראישען ווינטער. ר' שמעיה האט זיך פארלאזט אויפן אייבערשטען און ער האט אוועקגעגעבן דעם מאנטל סיי ווי. נאך די מלחמה יארן איז ר' שמעיה געקומען וואוינען אין אמעריקע. ער האט ווידער אויפגעבויעט זיין ביזנעס, ב"ה, און ער איז שטארק מכיר טוב געווען צום באשעפער וואס האט אים געראטעוועט.

בקיצור, איז ר' חיים מענדל זייער שטארק נתעורר געווען פון ר' שמעיה'ס אמונה. ר' חיים מענדל האט אפגעמאכט אז טאמער איינער וועט אריינקומען צו זיין געשעפט זוכענדיג דעם בעל הבית, וועט ער ווייזן צום הימעל אזוי ווי ר' שמעיה האט געטון. ר' חיים מענדל האט פארלאזט ר' שמעיה'ס געשעפט נישט נאר מיט א גרויסע נדבה אין זיין הענט נאר אויך מיט האבן געלערנט א שטארקע מוסר השכל.

ר' חיים מענדל'ס אייגענע פאבריק האט פראדעצירט היטן (פאר גוים). עס איז געקומען א צייט ווען זיינע קליענטס האבן אנגעהויבן צו האבן טענות אויף אים אז זיי באקומען נישט די פונקטליכע צאל היטן וואס זיי באשטעלן. למשל, טאמער איינער האט באשטעלט 50 היטן, האט ער געראפן ר' חיים מענדל מיט דער טענה אז ער האט נאר באקומען 48 היטן. ר' חיים מענדל האט אייביג מפייס געווען דעם קליענט, און ער האט צוגעזאגט דעם קליענט אז ער וועט ווי פריער, ארויסשיקן די היטן וואס האבן געפעלט.

ר' חיים מענדל האט נישט פארשטאנען וואס גייט פאר. יעדע ארדער וואס איז ארויסגעשיקט געווארן פון דעם פאבריק האבן די ארבעטערס גוט דורכגעקוקט דעם ארדער בעפאר מען האט עס ארויסגעשיקט. איין טאג, האט ר' חיים מענדל אנגעקוקט צו זען ווי די ארבעטערס פארלאזן דעם פאבריק נאך א טאג'ס ארבעט. ווען איינע פון די ארבעטערס האט צוזאמענגעלייגט אירע זאכן, איז איר בעג אראפגעפאלן. די בעג האט זיך געעפענט און ר' חיים מענדל האט געזען אז עס זענען געווען אפאר היטן אין איר בעג! ר' חיים מענדל האט געכאפט דעם גנב! ר' חיים מענדל האט גארנישט געזאגט. די ארבעטער איז ארויסגעגאנגען פונעם פאבריק, און זי איז נישט צוריקגעקומען דעם נעקסטען טאג. זי איז אפילו נישט צוריקגעקומען צו נעמען איר פייע טשעק (באלוינונג).

עטליכע טעג שפעטער איז א פרעמדער גוי אריינגעקומען צו ר' חיים מענדל'ס היט פאבריק. "וואו איז דער בעל הבית?" האט דער מענטש געפרעגט. ר' חיים מענדל האט זיך דערמאנט וועגן ר' שמעיה'ס עצה, און ער האט געוויזן צום הימעל און געזאגט "דער בעל הבית איז אויבן."

דער גוי האט געזאגט דעמאלט אז ער וועט ווארטן ביז דער בעל הבית וועט אראפקומען (פארשטייענדיג אז ר' חיים מענדל האט געמיינט אז דער בעל הבית איז געווען אויף דעם צווייטען שטאק.)

ווען דער מענטש האט זיך געדרייט ארויסצוגיין פון ר' חיים מענדל'ס אפיס, האט ר' חיים מענדל'ס שותף, וואס איז אויך געווען דארט בשעת מעשה, געזען אז יענער גוי טראגט א לאנגע מעסער אין זיין פאסיק.

בשעת דער גוי האט געווארט אז דער בעל הבית זאל אראפקומען, האט ר' חיים מענדל גערופן דעם פאליציי שטילערהייט. באלד דערנאך זענען די פאליציי טאקע אנגעקומען. "די הענט אויפן קאפ!" האבן די פאליציי געשריגען אויף דעם גוי. דער גוי האט נישט גלייך געפאלגט, און די פאליציי האבן געשריגן נאכאמאל "לייג דיינע הענט אויפן קאפ אדער מען גייט שיסען!" דער גוי האט עס געטון און מען האט אים געלייגט אין קייטלעך. "מיין שוועסטער פלעגט דא ארבעטן!" האט דער גוי געזאגט. "און די חברה דא האבן איר אפגעזאגט און זיי האבן איר נישט באצאלט! זיי זענען איר שולדיג געלט!" (שקר איז עס געווען, ווייל אפילו די גויטע אליינס האט נישט געבעטן איר געלט ווייל זי איז געכאפט געווארן אויף די גניבה.)

איינער פון די פאליציי האט געקוקט אויף ר' חיים מענדל צו הערן עפעס א הסבר אויף דעם. "די פרוי פלעגט באגנבנען היטן פון יעדע שיפמענט וואס מען האט ארויסגעשיקט. זי האט אזוי פיל באגנבעט אז מיר זענען איר גארנישט שולדיג!"

ר' חיים מענדל האט באדאנקט דעם אייבערשטען פאר ראטעווען זיין לעבן, און ער האט געזאגט אז אלעס איז געווען אין די זכות פון ר' שמעיה'ס אייביגע אנערקענען דעם "בעל הבית" פון די וועלט, דער רבונו של עולם.

זאגט דער הייליגער רמב"ן זי"ע "צורך גדול הוא להתחיל התורה ב'בראשית ברא אלקים,' כי הוא שורש האמונה..." – די תורה האט געמוזט אנפאנגען מיט "בראשית ברא אלקים..." ווייל דער שורש פון אמונה איז גלייבן אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און דער אייבערשטער איז דער מקור החיים פון דער וועלט און דער אייבערשטער פירט די וועלט! **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר חיים יעקב גרויס שליט"א לרגל שמחת נשואי בתו בשעטומ"צ

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף טויב שליט"א לרגל שמחת לידת הנכד אצל בנו מוה"ר אברהם יהושע העשל הי"ו

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: **נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל**

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234